


# אפענע הערצער אין א פארמאכטן שבת

**מיינע שטורעמישע געפילן נאך דעם יערליכן שבת המספיק** אין קראון פלאזא האטעל, אין סטעמפארד, קאנעטיקוט, ווען **הונדערטער אידן האבן געעפנט זייערע פערזענליכע פעקלעך**, זיך **געטרייסט צוזאמען און אויסגעוואשן די הערצער** | "זאג פאר'ן קעניג וואס טוט זיך דא אונטער די שבת'דיגע מלבושים! דערצייל פאר'ן קעניג צו וועמען די עלטערן גייען מארגן אהיים, וואס עס טוט זיך ווען מען טוט אויס די בגדי שבת!"

**אברהם ווייס**

בילדער: דוב לענטשעווסקי

# אפענע הערצער אין א פארמאכטן שבת




## "הייליגער שבת,

**מיר בעטן דיך, ווען דו גייסט יעצט ארויף מוצאי שבת צוריק אין הימל, דערצייל פאר'ן קעניג וואס דו האסט דא געזען"** – געט הגאון החסיד רבי יוסף חיים גרינוואלד שליט"א א געשריי ביים פארענדיגן זיין שלש-סעודות תורה מוצאי 'שבת המספיק' אין סטעמפארד, קאנעטיקוט.

רבי יוסף חיים גיט זיך אן עפן די בעקיטשע, לייגט די האנט אויפ'ן הארץ, און זעצט פאר לקול הבכיה פון די הונדערטער עלטערן אחים לצרה: **"זאג פאר'ן קעניג וואס טוט זיך דא אונטער די שבת'דיגע מלבושים! דערצייל פאר'ן קעניג צו ווענמען די עלטערן גייען מארגן אהיים, וואס עס טוט זיך ווען מען טוט אויס די בגדי שבת!"**

ביים שלוס פון דעם טרערן-דורכגענעצטן שלש סעודות תורה פון הגרי"ח גרינוואלד שליט"א – וואס זאך-קענער זאגן אז זיי האבן פון אים אזוינס נאך קיינמאל פריער נישט געהערט – האט ער געענדיגט מיט אט דעם געדאנק: "עס איז אמאל געווען א בן מלך וואס דער קעניג האט אים זייער ליב געהאט, אזוי ווייט אז דער קעניג האט אים צוגעשטעלט אן אייגענער שר אים צו באדינען. דער פרינץ האט געגעסן ביי דעם שר, און עס האט אים גארנישט געפעלט. ווען עס איז געקומען דער טאג און דער שר האט זיך געגרייט צו גיין ווייטער זיין וועג, איבערלאזנדיג דעם בן מלך אליין, האט זיך דער בן מלך געבעטן ביים שר, 'איך ווייס דו האסט אלעס געגעבן פאר מיר, אבער איידער דו גייסט צוריק צו מיין טאטע דער מלך, וויל איך דיר שטארק בעטן, אז דו זאלסט דערמאנען מיין טאטן דעם מלך וועגן מיר, ער זאל מיר געבן געלט צום לעבן.' האט דער שר געזאגט, זייער גערן, איך וועל עס טון פאר דיר, אבער איין זאך וויל איך פארשטיין, איך בין דאך געווען מיט דיר אזא לאנגע צייט, פארוואס האסטו מיר קיינמאל גארנישט געזאגט אז עפעס פעלט דיר, פארוואס האסטו זיך יעצט דערמאנט?

"האט דער פרינץ געזאגט פאר'ן שר: ווי לאנג איך בין געווען מיט דיר, האב איך פארגעסן פון אלע מיינע פראבלעמען, אבער איינמאל דו גייסט אוועק, בלייב איך אליינס איבער מיט אלע מיינע צרות. בעט איך דיר, גיי רעד צו מיין טאטן דערוועגן.

"רבותי, ווי לאנג מיר האבן דא פארבראכט דעם שבת, האבן מיר פארגעסן פון 'דעם' קינד וואס מען האט אין שטוב. מען האט זיך געפרייט מיט'ן שבת, געהערט די דרשות און געהאט מטעמים, אבער איינמאל דער שבת גייט צוריק ארויף – רייסט רבי יוסף חיים אויף דעם העמד – איינמאל מיר נעמען אראפ די בגדי שבת, זעען מיר ווי גרויס דער בראך איז, וואס עס טוט זיך 'אונטער' די בגדי שבת. בעטן מיר: שבת קודש, גיי ארויף צום מלך און דערצייל וואס עס טוט זיך אפ אין די אידישע הערצער, אונטער'ן העמד... נו, חברה שירה, שימינו כחותם..."

דאן האבן חברה שירה מיט הרב הערשל פעקעטע ("בערל'ס טאטע", קרעדיט: מיין אכט יעריג יונגעלע) אנגעהויבן זינגען, בשעת ווען רבי יוסף חיים רעדט אפאר ווערטער אינדערמיט און צייגט אן פאר די שירה חברה יעדעס מאל ווען זיי זאלן אנהייבן א ניגון.

פאר די אויגן שווינדלט מיר נאך די צורה פון א היפש יונגן יונגערמאן מיט א לאנגע בארד, פון מאנסי, וואס איך בין נישט באקאנט וואס עס האט אים געברענגט צו ווילן א שבת מיט המספיק, אבער איין זאך איז מיר קלאר אז ער איז נישט געקומען אהער אויף שבת אלס 'שטאב'; נישט ער און נישט זיין ווייב ארבעטן לכאורה פאר המספיק, נאר ער איז דא צוליב א פעקל וואס ער האט איבערגעלאזט אינדערהיים מיט זיין וואכנדיגן העמד.

בעיקר האב איך באמערקט דעם יונגערמאן ווען רבי יוסף חיים האט אינמיטן שלש סעודות געאקערט אויף די אפענע הערצער און האט דערמאנט די מעשה פון א טאטע וואס האט צאמגערופן אלע זיינע קינדער און פאר יעדן געגעבן א פארמאכטע פעקל זומען, זאגנדיג "נעמט די קערנדלעך און פלאנצט זיי איין, און איבער א יאר קומט צוריק מיט די פארטיגעביימער".

א יאר שפעטער זענען אלע קינדער צוריקגעקומען מיט גרויסע פרעכטיגע ביימער, איינס שענער פון צווייטן. איין זון האט זיך אבער געפערליך געשעמט מיט זיין בוים. ער האט פרובירט און געטון דאס מערסטע און בעסטע, אבער ער ווייסט אליינס נישט פארוואס, זיין בוים איז ארויסגעוואקסן קליינטשיג און פארקרומט. ער האט זיך אזוינס געשעמט מיט'ן ביימל, אז ער האט דאס איינגעפאקט אין א גארבידזש זאק און אזוי געברענגט צום טאטן.

ווען די קינדער זענען אנגעקומען מיט זייערע ביימער, האט דער טאטע באטראכט יעדע פון זיי און מילד רעאגירט. ווען עס איז געקומען די רייע פאר דעם קינד מיט'ן שוואכן אויסגעקלאפטן בוימל, א פארצאפלטער נעמט ער עס ארויס פון זעקל און ווייזט עס פאר'ן טאטן, בשעת ווען ער אנטשולדיגט זיך נאכאנאנד אז "איך האב פרובירט וואס איך האב געקענט, אבער וואס זאל איך טון, דאס איז ארויסגעוואקסן".

ווי נאר דער טאטע האט געזען דעם אויסגעקלאפטן ביימל, האט ער ארומגענומען דעם זון און עס איז נישט געווען קיין שיעור צו זיין פרייד. די אנדערע קינדער האבן געפלאצט פון קנאה; הלמאי, מיר האבן דאך געברענגט אסאך שענערע און גאר פראכטפולע ביימער?"

האט דער טאטע ערקלערט: "איך ווייס דאך יא וואס פאר א זומען איך האב געגעבן פאר יעדן פון אייך, איך האב יעדן געגעבן אנדערע סארט בונדלעך, און פאר דעם זון האב איך געגעבן די שוואכסטע בונדלעך, פון וואס עס קען כמעט גארנישט ארויסגעוואקסן. קוקט אבער אן, אשרי מי שבא לכאן ואילנו בידו, קוקט וואס פאר א הערליכע בוים ער האט געמאכט פון די מאגערע זומען, אלעס נאר ווייל ער האט דאס אזויפיל באוואסערט און אזוי שווער געארבעט דערויף א גאנץ יאר".

'דאס' איז שוין געווען צופיל פאר דעם יונגערמאן וועלכער איז געזעסן הארט נעבן מיר אויפ'ן זעלבן באנק, און פלוצלינג האט ער אויסגעפלאצט אין אזא יאמערליך געוויין וואס איך האב אין מיין לעבן נאכנישט געזען. די הויכע געוויין האט מיטגעשלעפט אנדערע הונדערטער טאטעס פון די 'שוואכע ביימער'.

ספאנטאן האט רבי יוסף חיים דאן זיך געגעבן א דריי אויס צו די מזמרים: "נו, ס'איז דא א ניגון אויף 'שערי דמעות'?"

באלד האבן זיי אנגעהויבן זינגען שלומי דאסקאל'ס שערי דמעות לא ננעלו, "דיין טרערעלע איך שפיר, עס עפנט אויף מיין טיר, און איך האלט עס אייביג נעבן מיר, ווייל שערי דמעות לא ננעלו"...

שָׁמוֹר וְזָכוֹר בְּדִבּוּר אֶחָד
הִשְׁמִיעָנוּ קֵל הַמְיֻחָד
ה' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד
לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת וְלִתְהִלָּה

## און ערב שבת מיט המספיק

קוקנדיג נאך פסח אויפ'ן קאלענדאר האט מיר שוין אויסגעזען אז היי יאר וועל איך נישט קענען מיטהאלטן דעם יערליכן שבת מיט המספיק, נאכ'ן האבן בלע"ה חתונות מימיני ומשמאלי אין דעם מוצאי שבועות חתונה סעזאן, וואס אויב איז עס נישט קיין שבת באווארפן איז עס א שבת שבע ברכות. אבער דער זעלבער באשעפער וואס האט אויסגערעכנט אז מיר זאלן געבענטשט ווערן מיט א קינד וואס קוואליפיצירט זיינע עלטערן פאר "שבת המספיק", האט אויך אויסגערעכנט אז פונקט דער שבת המספיק זאל זיין פריי, צווישן חתונות און קאנטרי, אז מיר זאלן אזוינס נישט פארפאסן.

"דעם קומענדיגן שבת וועל איך נישט זיין דא אין שול"" האב איך פון פאראויס געזאגט פאר מיין רב הביהמ"ד, "ווייל איך גיי אי"ה זיין ביים



שבת המספיק". דאס האב איך אים קלאר געזאגט להוציא מלבם של ביישנים וועלכע ווערן נעלם אויף א שבת און האלטן זייער דילעמע אונטער'ן קארפעט; נישט אז איך פארשטיי נישט אקוראט וואס זיי פילן, אבער נאך ווי איך פארשטיי, אבער למעשה וועט יעדער מיט ערפארונג מודה זיין אז דאס באהאלטן מאכט געוועגליך נאר שווערער דעם פראבלעם.

פארגאנגענעם פרייטאג פארמיטאג פרשת בהעלותך האבן מיר געמאכט אונזער וועג צום פראכטפולן גיגאנטישן 'קראון פלאזא' האטעל, וואס זיצט אין סטעמפארד, קאנעטיקוט.

פארנדיג אויפ'ן וועג האבן מיר געמיינט אז מיר זענען די איינציגסטע וועלכע זיצן אין טראפיק, אבער אנקומענדיג אין האטעל האבן מיר געהערט אז דאס איז די רעדע פונעם עולם ביי טועמיה, "און ווי לאנג ביסטו געזעצן אין טראפיק?", האב איך פארשטאנען אז איך בין נישט קיין בן יחיד ביי וועם דער געווענליכער וועג פון אנדערטהאלבן שעה האט געדויערט איבער דריי שעה. "די באס איז יעצט אנגעקומען", הער איך איינעם זאגן גאר שפעט נאכמיטאג, וואס דאס האט געמיינט אז דער קעיטערער האט געדארפט פון פריש דעקן טיש און ווידער צוגרייטן דעם רייכן טועמיה, וואס אויב דאס איז בלויז א 'טעימה' קען מען זיך פארשטעלן ווי אזוי עס זעט אויס די סעודות שבת.

מיר קומען אריין אינעם האטעל, טרם יקראו ואני אענה, ווי נאר מיר פארקירן דעם קאר, קומט אונז אקעגן א באדינער - יא, עס זענען נאך דא באדינערס היינטיגע צייטן, ער קומט צו פארן מיט זיין גאלדענעם וואגן און לאדנט ארויף אונזערע רענצלעך. ער איז א פראפעסיאנאל; ער ווייסט וואו אויפצוהענגען דעם שטריימל באקס און אז אויב וויל ער זען א טיפ זאל ער נישט אפילו בטעות איבערדרייען דעם שייטל באקס.

מיר קומען אריין אינעם גיגאנטישן האטעל לאבי, נאך איידער וואס-ווען-ווי גייען מיר אריבער זיך באגריסן מיט די קטינא'ס, וואס ווען נישט הרב מענדל קטינא און זיין אשת חיל וואלטן מיר ווען אלע געבליבן אינדערהיים.

רביצין קטינא גיט אונז א גרייטע שבת-פעקל און די נומער פון אונזער צימער. עס איז מיר געווארן ליכטיג אז עס איז אונז בס"ד געלונגען צו באקומען א צימער אויפ'ן צווייטן שטאק. איי פארוואס נישט אויפ'ן ערשטן? ווייל קיין ערשטע שטאק איז נישטא, די צימערן הייבן זיך אן ביי איין שטאק ארויף.

מיט'ן צעטל אין האנט גיי איך צו צום 'פראנט דעסק', און כ'ווייז מיין צימער נומער. מען הייסט מיר אונטערשרייבן מיין נאמען, און מאכן א טשעק צי איך וויל יא אדער נישט מען זאל קומען מאכן די בעטן אין צימער. (איך האב גראדע אויסגעקליבן אז נישט, אויס פאביע אז קיינער זאל נישט אינאיינעם מיט די שמוציגע האנטוכער מיטנעמען נאך חפצים.) זיי אנטשולדיגן זיך אז א שעה ארום וועלן זיי האבן גרייט מיין 'שבת שליסל', און דערווייל געבן זיי מיר א וואכן שליסל, אן אויטאמאטישע קארטל וואס עפנט די טיר.

איך שפאן נאך מיין באדינער ביז צום גלאזערנעם עלעוועיטאר, ווען אונטערוועגנס פארגעס איך נישט מיטצונעמען א נעגל וואסער שיסל וואס ליגט דארט אין די הונדערטער, א איד, א צייטונג, א בלאט און פארשטייט זיך א מאמענט, וואס יעדער קען אויסוועלן לויט זיין באגער צו נעמען אין צימער אריין.

אוי איז דאס א צימער, הערליך צוגעגרייט ווי פאר'ן קעניג אליין. הערליכע באהאנגענע ליילעכער וואס ווען מען רוקט דאס אוועק קען מען אראפקוקן דירעקט אראפ אינעם לאבי און זען ווי אידן זיצן אויפ'ן היכן בענקל און לאזן זיך פיצן די שיך דורכ'ן בירגערמייסטער (איך האב צום ערשטן מאל געזען אז אין סקווירא פיצט מען די גאנצע שטיוול ערב שבת; עס גייט לכה"פ אנדערטהאלבן פלעשל שיך פאסטע פאר אזא עסק). איך זע ווי אידן האלטן אינאיין איבערפילן זייערע טעלערס טועמיה, פרובירן טועם זיין פון יעדן סארט טשאלנט וואס איז נאר צוגעשטעלט, און פארגעסן נישט טועם צו זיין פון יעדן סארט קוגל, פון ירושלים'ער ביז צוויבל קוגל און אלעס אינצווישן.

עס איז א הערליך בילד אראפצוקוקן און זען ווי אזוי מאסן אידן שלענגלען זיך אריין אינעם האטעל. אלעס מיט א רואיגקייט. יעדער ווערט ווארעמהארציג אנטפאנגען דורך די קטינא'ס וועלכע צייגן אן איש אל מחנהו ואיש אל מקומו, און אויב זע איך דעם זעלבן מענטש ווידער אראפקומען מיט'ן גלאזערנעם עלעוועיטאר און גיין צו די קטינא'ס ווייס איך אז מען איז נארוואס מסדר עפעס אן אומפאראויסגעזעענע טויש מען וויל מאכן אין צימער, אא"וו.

איך בין מסדר מיינע חפצים, איך עפן דעם גרויען המספיק כמו "פענסיל קעיס" פעקל, און דא ווער איך געוואויר אז א האלבן רענצל האב איך בחינם איינגעפאקט, ווייל 'אלעס' האבן זיי שוין אינזין געהאט. איך ווייס נישט ווער עס האט זיי געזאגט אז איך דארף א קליין פעקל טאָמס, צוויי פעקלעך מאָטרין, כל מיני נעגל שניידערס און טוויזערס, ציין פוץ און בערשטעלעך, און ווער האט זיי געזאגט אז מיין קנעפל גייט היינט אראפפאלן און איך גיי דארפן א נאדל און פאדעם הארט פאר'ן זמן.

אפילו שאקאלאדן האבן זיי אינזין געהאט, עטליכע מינים אין פראכטפולע גלאזערנע האלטערס פאר פרישקייט. איין זאך האב איך געדארפט איינפאקן פאר שבת: מיך אליינס.

מיר האבן אויך באקומען א צעטל מיט די סדר הזמנים און סדר פון די רעדנערס פון שבת.

"טועמיה איז פון פירע ביז זיבענע" איז, דאכט



# אפענע הערצער אין א פארמאכטן שבת



הערליכע באהאנגענע ליילעכער וואס ווען מען רוקט דאס אוועק קען מען אראפקוקן דירעקט אראפ אינעם לאבי און זען ווי אידן זיצן אויפ'ן היכן בענקל און לאזן זיך פיצן די שיך דורכ'ן בירגערמייסטער

זיך, געשטאנען אויפ'ן צעטל, זענען מיר אראפ און זיך געטראפן מיט ברייט געדעקטע 'באפעי סטייל' טועמיה טישלעך, וועלכע האבן אנטהאלטן יעדע סארט טאשלנט אדער קוגל וואס מען האט נאר אמאל געזען אדער געשמעקט, ווען דערביי שטייען באדינער מיט ווייסע הענטשקעס און שניידן קאלטע און הייסע פליישן לויט'ן געברויך.

איך גיב מיר א דריי אויס, געב א קוק, וועמען זע איך דא? יונתן שווארץ! דאס איז דער יונתן וואס די וועלט האט אזויפיל געהערט פון אים פונקט יענער וואך, ווען ער האט אנאליזירט הרב יואל ראטה'ס זיבן-טויזנט-דאלארדיגע חתונה פלאן אויף קול מבשר. אלעס האט אים ארומגענומען און געוואלט הערן מער פון אים איבער דאס חתונה מאכן ביליג. "איך וועל שוין מוזן מאכן א ניגון דערויף," ווערטלט זיך ר' יונתן.

פונדערווייטנס זע איך הרב הערשל פריעדמאן שפאנען. ער איז שוין דא א לאנגיעריגער תושב, ווען ער קומט אהער יאר יערליך פרייליך מאכן שבת. באלד וועלן מיר אים שוין זען טאנצן לכה דודי אויפ'ן טיש אינאיינעם מיט'ן חאצאצקער רבי. שוין, כ'דארף דאך עפעס איבערלאזן פאר שפעטער אויך.

הונגעריג בין איך שוין נישט, גייען מיר פיצן די שיך לכבוד שבת. מיר שטעלן זיך אין דער רייע און זעצן זיך ארויף אויף דער הויכער פלאטפארמע למען ישמעו ויראו, אז אלע זאלן קענען זען ווי שמוציג מיינע שיך זענען פריער געווען. דער באדינער פיצט מיינע שיך און מאכט דאס שיין גלאנציג, לכבוד שבת קודש.

פרייטאג נאכמיטאג איז געווען א פראגראם אז מען האט געקענט זען די "בית המקדש גלעזער". איך בין נישט אנגעקומען עס צו זען, אבער מיין חשוב'ע אידענע יא, און דא האט זיך געשאפן די פראבלעם, ווען גאנץ שבת האב איך געהערט די געגועין צו דעם בית במקדש מיט שאלות וואו גענוי די לויים זענען געשטאנען ביים זינגען און וויאזוי די כהנים האבן געהאט כח צו טון די עבודה. נאך א מזל איך בין אביסל בקי אין די מסכתות, אז נישט וואלט געווען ערגער.

איך כאפ א בליק אויפ'ן זייגער, עס איז נאך געבליבן א צוויי שעה ביז שבת. מען גייט מקיים זיין דאס וואס צדיקים שרייבן אז עס וואלט געדארפט שטיין אין עשרת הדברות די מצוה פון זיך אראפלייגן ערב שבת. דאן גייט מען אראפ כאפן א מקוה אין די הערליכע מקוה וואס געפינט זיך נעבן דעם שווים באסיין וואס איז דאן געווען אפן פאר מענער. ווארשיינליך די ערשטע אין היסטאריע צו האבן א מקוה אין א האטעל מיט אלע צוגעהערן. האנטוכער איז דא גענוג, און זייף איז גוט צו ברענגען פון צימער. העכסטנס וועט מען האבן ווייניגער זייפלעך אהיימצופאקן.

יעצט גרייט מען זיך לכבוד שבת. פון די ווייבער שול הערן מיר אז עס הערשט א שטארקע התעוררות ווען אלע אידישע מאמעס צינדן אינאיינעם די שבת טרעוול ליכט. נאך אלעמען איז דאס א בילד ווי עטליכע הונדערט מאמעס שטייען ביי די ליכט, ווען אלע פון זיי האבן איין ליכטל וואס דארף מער שוועבלעך דאס אונטערצוצינדן, און אלע פון זיי האבן א ליכטל וואס פאדערט אן עקסטערע טרער, און יעצט פאראייניגן זיך דא אלע טרערלעך און טרעפן זיך מיט די צוויי טרערן וואס דער אויבערשטער פארלאזט און לייגט דאס אוועק בבית גנזיו.

לִקְרַאת שַׁבָּת לְכוּ וְנֵלְכָה
כִּי הִיא מְקוֹר הַבְּרָכָה
מֵרֹאשׁ מִקֶּדֶם נְסוּכָה
סוֹף מַעֲשֶׂה בְּמַחֲשָׁבָה תְּחִלָּה

## מנחה און קבלת שבת

איך האב אויסגעוועלט צו דאווענען מנחה די געהעריגע צייט, און זיך נישט מיטכאפן מיט'ן 'פריע מנין' וואו עס האבן געדאוונט אסאך פון די ליטווישע אידן וועלכע דאווענען פריער יעדע וואך.

פארנט פון שול זענען אויסגעלייגט א רייע פון גליונות, דער געבינדענער דיקער עונג שבת גליון, מיט גענוג און נאך סידורים.

איך קום אריין אין שול, עס איז פולקאם געפאקט, נאר בענקלעך אויסגעלייגט אין די הונדערטער, ווען ביים אויבנאן זענען אויסגעלייגט טישן מפני הכבוד. אויף דער זייט, גענוג נאנט צום עזרת נשים, שטייט א גרויסן האלצערנעם שטענדער. איך האב קובע מקום געווען פארנט פונעם שטענדער. נאך אלעמען איז שבת נישט פארהאן קיין מייק, און איך וויל גוט קענען הערן די דרשות.

דא און דארט זע איך אידן וועמענ'ס פנים זענען מיר באקאנט. איך גריס זיי גוט שבת, אבער האב נישט די העזה צו פרעגן וואס עס האט זיי אהערגעברענגט. איך האף אז זיי זענען דא ווייל זייערע ווייבער ארבעטן פאר המספיק. זעענדיג שפעטער ביי שמונה עשרה די הייסע טרערן דאכט זיך מיר אז עס איז א קינד וואס האט זיי אהערגעפירט.

"הודו לשם כי טוב, כי לעולם חסדו" הערט זיך א סענז סטריט מנחה מיט'ן גאנצן אריגינעלן פלאם פייער פון א איד א בעל תפילה וואס גייט באלד ווארשיינליך נישט פארשטיין די דרשות אויף ענגליש. דער עולם ווערט מיטגעשלעפט מיט'ן דאווענען און עס הערשט א דערהויבענע גייסט. מיינע אויגן זענען געפאלן אויף חאצאצקער




דאן האבן חברה שירה מיט הרב הערשל פעקעט אנגעהויבן זינגען, בשעת ווען רבי יוסף חיים רעדט אפאר ווערטער אינדערמיט און צייגט אן פאר די שירה חברה יעדעס מאל ווען זיי זאלן אנהייבן א ניגון.

רבי הרב וועלוול גאלדשטיין, וועלכער האט פאר א מינוט פארגעסן אז ער איז רב פון חאצאצק, און מיט'ן רעזשוואלקע זיך געשטעלט פארנט פונעם ארון הקודש און געדאוונט מיט א קענטבארע התעוררות.

נאך מנחה ווערט שטיל אין שול, דער גרינדער און פיאנער פון די המספיק שבתים הרב מענדל קטינא, רב ביהמ"ד רחמי האב אין קרית יואל, גייט ארויף אויפ'ן פאדיום. זיין רואיגע שמייכל וויזט אז ענדליך נאך לאנגע חדשים הארעוואניע האט ער הנאה אז מען האלט שוין ביי דעם פונקט ווי מען איז שוין אריינגעקומען אינעם שבת המספיק, אויף וואס ער מיט זיין רביצין לייגן אריין לייב און לעבן.

ר' מענדל באגריסט דעם עולם מיט א ווארעמען גוט שבת, און באטאנט אז דער היי-יעריגער אכצנטער שבת המספיק האט א היסטארישע ווערד זייענדיג דער סאמע ערשטער שבת המספיק ווי עס נעמט פערזענליך אנטייל דער גרינדער און אנפירער און הארץ פון המספיק הרב מאיר ווערטהיימער הי"ו, וועלכער האט אלע יארן זיך אפגענויגט פון פערזענליך זיך באטייליגן, מיט דער טענה אז דאס איז געמאכט פאר די עלטערן פון די קינדער און נישט פאר די בעלי בתים... אבער היי יאר האט ער זיך געלאזט איבערבעטן אנטיילצונעמען און זען מיט די אייגענע אויגן וואס פאר אן אימפעריע עס לויפט דא דורך, און איך גלייב אז ער האט נישט קיין חרטה געהאט.

דאן האט דער טשערמאן פונעם שבת ר' יונתן שווארץ איינגעלייטעט דעם שבת. ער האט גערעדט אידיש און ענגליש געמישט אז די ענגליש רעדנדע זאלן אויך פארשטיין. ער האט דערמאנט א טייער ווערטל אויף די משנה אין אבות "על שלשה דברים העולם עומד, על התורה על העבודה ועל גמילת חסדים", אז ביי יעדע צוזאמקום זענען דא דריי רעדנערס: דער ערשטער איז "על התורה", ער זאגט דברי תורה; דער צווייטער איז "ועל העבודה", ער רעדט פון עבודת הקודש; און דער דריטער איז "ועל גמילות חסדים", אים טוט מען שוין א גאנצע גמילת חסד אז מען הערט אים בכלל אויס...

מיט יראת הרוממות האט ר' יונתן אויסגערופן הגאון החסיד רבי יוסף חיים גרינוואלד שליט"א צוצוגרייטן דעם ציבור צו קבלת שבת. רבי יוסף חיים איז ארויפגעקומען מיט א פאלדער פון צוגעגרייטע נאטיצן צום דרשה. מיר האבן באמערקט אז ער רעדט די גאנצע צייט - און אלע זיינע דרשות במשך דעם שבת - מיט פארמאכטע אויגן, און די פאפירן זענען, כידוע, נאר מפני מראית עין.

ר' יוסף חיים האט זיך באצויגן אויף א געדאנק וואס ר' יונתן האט פריער דערמאנט. "ר' יונתן דאוונט דאך ביי הרב וואלפסאן, און דארט 'דאוונט' מען טאקע, ווייל א דאוועגען איז דארט א דאוועגען, כידוע," האט רבי יוסף חיים תוך כדי דיבור משבח געווען ר' יונתן. עס איז מיר געווען קאמיש ווי אזוי רבי יוסף חיים האט באגריסט די חברה שירה און אונטערגעשטראכן דעם נאמען פון דעם חזן און בעל תפילה ובעל מנגן הרב מרדכי וואלף לאנדא, וועלכער איז מיטגעקומען מיט זיי און האט געדינט אלס דער בעל תפילה ביי קבלת שבת. "זיי טוען א הייליגע ארבעט," האט רבי יוסף חיים געזאגט און באטאנט וואס פאר א גרויס פארגעניגן עס איז אים צו זיין א שבת מיט שירה.

שטייענדיג אום פרשת בהעלותך, האט ר' יוסף חיים נאכגעזאגט בשם צדיקים די גרויסקייט פון דעם שבת, און האט באטאנט אז צדיקים פלעגן טרעפן זייערע "נייעס" אין דער פרשה פון דער וואך. "די וואך איז דא גרויסע נייעס," האט ר' יוסף חיים בצחות לשונו געהויבן די שטימע



עס איז מיר געווען קאמיש ווי אזוי רבי יוסף חיים האט באגריסט די חברה שירה און אונטערגעשטראכן דעם נאמען פון דעם חזן און בעל תפילה ובעל מנגן הרב מרדכי וואלף לאנדא, וועלכער איז מיטגעקומען מיט זיי און האט געדינט אלס דער בעל תפילה ביי קבלת שבת. "זיי טוען א הייליגע ארבעט," האט רבי יוסף חיים געזאגט און באטאנט וואס פאר א גרויס פארגעניגן עס איז אים צו זיין א שבת מיט שירה.

באטאנענדיג אז פרשת בהעלותך איז פול מיט גרויסע נייעס, ספעציעל די גרעסטע נייעס וואס שטייט אין דער פרשה ווי דער אויבערשטער האט עדות געזאגט וואס פאר א גוט פאלק די אידן זענען.

ווען איך האב געזען דעם בעל מנגן הרב מרדכי וואלף לאנדא צוטרעטן צו קבלת שבת, ווען דערנעבן זיצן די משוררים אויף א טיש אין שפיץ פון הרה"ח ר' שרגא פייוול גאלד און הרב הערשל פעקעטע, האב איך געוואוסט אז דא גייט זיין א באַ'טעמ'טע נאכט. זיי האבן מיך נישט אנטוישט. יעדע שטיקל פון קבלת שבת איז געווען זיסער פון ספלענדע, ווען ביי עדן שטיקל לאזן זיי אויס מיט א וואונדערבארן כאר און פרישע קונץ.

דאן איז געקומען לכה דודי וואס האט זיך געהערט ווי א הערליכער מארש. ביי לא תבושי האט די גאנצע שול מיטגעלעבט, און עס איז פולקאם ארויס פון קאנטראל ביי בואי בשלום, ווען אלע האבן זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ ארום און ארום בשעת ווען ר' הערשל פריעדמאן און ר' וועלוול גאלדשטיין טאנצן אין דער הייך און לאזן נישט איבער קיין אויג אומגעלאכט.

בשעת ווען די מענער האבן געדאוונט אין שול, איז געווען אן אויסוואל פון אינהאלטסרייכע רעדעס פאר די פרויען, וועלכע זענען באגייסטערט געווארן פון די עמאציאנעלע רעדנערס.

מְקַדֵּשׁ מֶלֶךְ עִיר מְלוּכָה
קוּמִי צְאִי מִתּוֹךְ הַהֲפֵכָה
רַב לָךְ שֶׁבֶת בְּעֵמֶק הַבָּכָא
וְהוּא יַחֲמוֹל עָלַיִךְ חֶמְלָה

## לאמיר מאכן קידוש אויף די גאנצע וועלט

"גוט שבת, גוט שבת" ווינטשט מען איינער דעם אנדערן מיט א ליבליכע רואיגקייט בשעת איך פעדער מיינע טריט צום גרויסן בית הסעודות זיכער צו מאכן אז איך טרעף א פאסיגן מקום.

יעצט איז די שאלה, וואו זאל איך מיר זעצן. איך האב באמערקט א אידל וואס האט געצויגן מיין אויג, עמיצער מיט א לאנגע ווייסע בארד און א קאַובוי היטל זיצן אויף א טישל, האב איך געמאכט א שנעלן חשבון אז אידן מיינס גלייכן האב איך דאך געניג אין ברוקלין. דא קוקט אויס וועט זיין מיט וועמען צו שמועסן ביי דער סעודה.

למעשה האט זיך צאמגעשטעלט אויף מיין טיש אן אינטערעסאנטע צאמשטעל פון א קיבוץ גליות: א שרייבער [אני הקטן], א שואל ומשיב אין א גרויסע בארא פארקער ישיבה, א חשוב'ער




סופר סת"ם, א באקאנטער נגיד פון ברוקלין (וואס ווי נאר ער האט זיך דערוואוסט מוצאי שבת אז איך בין א שרייבער, האט ער מיר צוגערופן אין א זייט און געבעטן כ'זאל נישט מפרסם זיין זיין אנוועזנהייט דעם שבת), און חב"ד'סקער פון איבער'ן ים און דער איד מיט'ן לאנגן ווייסן בארד און קאובוי היטל.

ווי עס קומט צו מאכן קידוש שטעלט זיך אויף דער ווייס באבערדלטער אידל, ער איז א הויכער לאקש און דאס היטל מאכט אים נאך העכער. דאן באמערק איך ווי, נישט מער און נישט ווייניגער, דער איד טראגט א גרויסן סעלפאן אויף זיין הויזן... ווי נאר מיינע אויגן עפענען זיך גרויס באמערקן זיי באלד דעם גרויסן רויטן צעטל וואס ליגט אויפ'ן מאשין וואס מעלדט אין אידיש און אין לשה"ק אז דאס איז נישט קיין סעלפאן, נאר א מאניטאר צו טעסטן די צוקער, און ער מוז עס טראגן אויף זיך פאר פיקוח נפש.

כ'האב טאקע באמערקט ביי די סעודה ווי עס האט עטליכע מאל געקלונגען, און יעדעס מאל בעפאר ער האט גענומען עפעס אין מויל, אפילו א שטיקל חלה, האט ער פריער געקוקט אויפ'ן מאשין ווי די צוקער האלט. "אמאליגע צייטן וואלט איך בדרך הטבע נישט געקענט לעבן", זאגט ער מיר אפענערהייט, "היינט א דאנק די טעכנאלאגיע קען איך איבערלעבן מיין שווערע דיאגנאז פון דייעביטיס". ער האט מיר געצייגט ווי ער האט אויפ'ן ארעם אריינגעבויט א "בלו-טוטה" סיסטעם, וואס דאס טוט פארבינדן די צוקער מאשינקע מיט'ן קערפער, און האלט אינאיין שיקן סיגנאלן.

זעענדיג אז דער איד מיט'ן בארד און היטל איז אפן צו מיר, האב איך געכאפט מיט אים אן ערנסטן שמועס ביי דער סעודה. שטעלט זיך ארויס איך האב נישט געקענט טרעפן קיין בעסערע טישל, נאכדעם וואס עס האט זיך מיר אנטפלעקט גאר א חידוש'דיגע בריאה.

"קוק מיר גראד אריין אין די אויגן", זאגט ער מיר. "דו זעסט מיינע אויגן? דאס זענען פאלשע אויגן!" איבערראשט ער מיר. "דאס זענען קאמערא אויגן וואס מען האט אינסטאלירט אין מיר."

דאן קומט אן א קורצע ביאגראפיע שמועסל. "איך הייס איצי ווען. איך וואוין אין בלומינגבורג. איך האב זיך אהינגעצויגן מיט פיר יאר צוריק. איך פלעג דאווענען מיט די חסידים, איך האב אויך געדאוונט אין נדבורנא. איין טאג האט מען געטוישט שול, איך האב גע'טענה'ט אז מען האט נישט א רעכט צו פארשליסן א מנין ווי לאנג אלע בעלי המנין זענען מסכים".

ר' איצי שילדערט מיר ווי אזוי ער איז געבוירן אין ניו יארק סיטי, און ער האט זיך שפעטער געצויגן קיין סוואן לעיק און דערנאך קיין בלומינגבורג וואו ער האט א פארעם מיט טשיקנס. "איך האב ערפינדן ווי אזוי צו האדעווען טשיקנס דורכ'ן ווארעמען די איי אין א פארמאכטע גלעזל פאר עטליכע וואכן. עס איז ממש נפלאות הבורא ווי אזוי איך זע ווען דאס הארץ פונעם טשיקן ווערט באשאפן, און דערנאך קראכט ארויס א טשיקן". עס איז אנטשטאנען ביים טישל א תורה'דיגע שמועס לגבי די כשרות פון אזעלכע טשיקנס.

צווישן די פיש און די זופ האט ר' איצי דערציילט א דראמאטישע געשיכטע ווי אזוי א הונט איז אים לעצטנס איבערגעפאלן און ער האט זיך שוין כמעט געטראפן אויף דער אנדערער זייט וועלט. "איך האב זוכה געווען צו תחיית המתים", זאגט ער מיט דער פולער ערנסטקייט.

עס איז וויכטיג צו באטאנען אז טראץ דעם וואס מיר זענען געזעסן א זיבן-אכט טאטעס אויפ'ן זעלבן טיש שבת ביינאכט און צופרי, איז קיינמאל נישט אויסגעשמועסט געווארן דער אורזאך פארוואס מען איז בכלל אנגעקומען צו דעם טיש, טראץ דעם וואס ביי טייל אויפ'ן טיש האב איך געוואוסט זייער סיבה, איז מען אבער מקפיד אויף כבוד הבריות און סיידן אויב יענער ברענגט אליין ארויף די טעמע, לאזט מען עס פארמאכט.

ביי פרייטאג צונאכטס סעודה האט ווידער דער טשערמאן ר' יונתן שווארץ אדרעסירט די אורחים, און דאסמאל גערעדט אז מען זאל עס אויך הערן ביי די בית יעקב אלו הנשים. שפעטער האט גערעדט הרב ארי' משה רויד, א יליד מאנטשעסטער וועלכער איז א טייל פון די "טרעוולינג חסידים" (זע מאמענט #171). "ביי אונז אין מאנטשעסטער איז אייביג פארוואלקנט – אין א שיינעם קלארן טאג קען מען זייער קלאר זען די וואלקענעס"... געדענק איך א גוט ווארט פון אים.

די שירה וזמרה ביי די סעודות זענען געווען געוואלדיג און דערהויבן, ספעציעל די וועג ווי אזוי רבי יוסף חיים האט מיטגעזינגען מיט השתפכות הנפש, אזש ווען מען האט געזונגען "נשמת כל חי" האט ער זיך אויפגעשטעלט אין דער הייך און ממליך געווען אורייתא וקב"ה חד הוא.

הִתְנַעֲרִי מֵעָפָר קוּמִי
לִבְשִׁי בִּגְדֵי תִפְאַרְתֵּךְ עַמִּי
עַל יַד בֶּן יִשַׁי בֵּית הַלַּחְמִי
קָרְבָה אֶל נַפְשִׁי גְאָלָהּ

## די באטע

עס איז שוין געווען נאך צוויי אזייגער פרייטאג צו נאכטס ווען מען האט געבענטשט, דאן איז געקומען די באטע. איך געדענק נאך די פאריגע באטע ווען דער אייגנארטיגער זשעני-מגיד הרב פאפלאנאש האט מיך געהאלטן וואַך מיט פארקלעבטע אויגן ביז פיר פארטאגס, שפילנדיג ווי א לעבעדיגער אוצר החכמה.



"דו זעסט מיינע אויגן? דאס זענען פאלשע אויגן!" איבערראשט ער מיר. **ר' איצי ווען**






צווישן אנדערן געדענק איך ווי אזוי ער האט דאן אנגעהויבן זיינע ווערטער, אז אלע וועלכע געפינען זיך דא אין האטעל, האבן ווארשיינליך א געוויסע שולד געפיל ("גילטי פילינג") פון א געוויסן אקט וואס זיי האבן געטון אין זייער לעבן, וואס זיי זענען מעגליך תולה אז דאס איז א גורם צו זייער צרה. "וויל איך אייך זאגן", האט רב פאפלאנאש בארואיגט די עלטערן, "אז דא זיצן נאך ניין הונדערט עלטערן וואס האבן 'נישט געטון' דאס וואס איר האט געטון, און זיי האבן אויך אזא קינד, ממילא איז קלאר אז די סיבה איז נישט דאס וואס דו האסט געמיינט".

ביים באטע הויבט זיך אלעס אן פון פריש. מען דעקט טיש כאילו מען גייט יעצט אויספאסטן מוצאי שבעה עשר בתמוז. באדינער שלענגלען זיך ארויס מיט טעצער אייז קרעם וכל באי הבאטע עוברים לפניהם כבני מרון. שאקאלאדן למיניהם און יעדע סארט ביעור שעבר עליו שבועות ווערט סערווירט פארפרוירן קאלט.

די חברה שירה זעצן זיך ווידער אראפ כאילו מען איז נארוואס אנגעקומען מיט'ן באס, און דער פאקט אז עס איז יעצט דריי אזייגער שבת פארטאגס שפילט דא קיין ראלע. מען לייגט אראפ א הערליכן קה אכסוף און אנדערע ניגוני קודש בשעת ווען די ארומיגע זוכן א געהעריגן מקום מקלט וואו אהין צו פארקירן די פאפיטעס שאלעכץ.

בשארית כוחותי האב איך מיר ארויפגעשלעפט די שטיגן אין די שבת פארטאגס שעות. נאך א מזל איך בין געווען אויפ'ן צווייטן שטאק; כ'וויל נישט טראכטן וואס עס האט געטון דער אויפ'ן פיפטן שטאק.

הִתְעוֹרְרִי הִתְעוֹרְרִי
כִּי בָא אוֹרֵךְ קוּמִי אוֹרִי
עוּרִי עוּרִי שִׁיר דַּבֵּרִי
כְּבוֹד ה' עָלַיִךְ נִגְלָה

## שבת צופרי

התעוררו התעוררו, אידן, שטייט אויף צום דאווענען...

ווען איך בין אראפגעקומען 9:30 אינדערפרי צום דאווענען, האב איך שוין געטראפן אנדערע מאכן קידוש. "מיר האבן גדאוונט מיט'ן ערשטן מנין, מיר האלטן שוין נאך אלעמען", זאגן מיר באקאנטע וועלכע האבן זיך געמאכט א קביעות מידי שנה בשנה צו דאווענען מיט'ן ערשטן מנין שבת צופרי. "איך קען זיך מיט'ן קעכער, מיר פארשטענדיגן זיך ערב שבת, און ער ווייסט שוין פריער ארויסצורוקן מיין פארציע טשאלנט", זאגט ער א פארזיכערטער. "כ'גיי מיר יעצט אנלאנען, וועלן מיר זיך זען שפעטער ביים קידוש", טריצט ער מיט מיר ווען אויף דער זייט זע איך אידן איינפאקן טשיז-קעיק פאר די נשים און צומאל ווערט מען זעלבסט מילכיג דערפון.

מען כאפט א מקוה שבת צופרי, א הייסע קאווע לכבוד שבת קודש, מען שטעלט זיך דאווענען מיט התלהבות, ווידער דאוונט דער הערליכער בעל תפילה פאר'ן עמוד. דעם בעל קורא קאן איך נישט פערזענליך, אבער ער האט זיכער געקענט דעם רבי'ן זכרונו לברכה, ווארום ער מאכט נאך די תנועות באלד בעסער ווי דעם רבי'ן אליין. די עליות זענען פארטיילט געווארן פאר די חשובי העם. הרב מענדל קטינא האט אוודאי באקומען אן עליה נאכ'ן מעלה זיין דעם גאנצן ציבור.

"א שאד מען גייט נישט ראש חודש בענטשן", האט מען זיך באקלאגט אין שטוב נאכ'ן זעלטן

הנאה האבן פארלאפענעם יאר ווען די משוררים האבן אראפגעלייגט א ראש חודש בענטשן כמו שכתוב. נו, וואס זאל איך טון אז ראש חודש געפאלט הערשט נעקסטע וואך.

שבת צופרי איז געווען א רירנדע רעדנערין ביי די נשים, וואס האט שטארק גערעדט און איבערגענומען די ספעציעלע מאמעס פון די ספעציעלע קינדער, און געלאזט אויף זיי א שטארקן איינדרוק.

לא תֵבוֹשִׁי וְלֹא תִכָּלְמִי
מַה תִּשְׁתּוֹחֲחִי וּמַה תֶּהֱמִי
בָּךְ יֶחֱסוּ עֲנִיֵּי עַמִּי
וְנִבְנְתָה עִיר עַל תִּלָּהּ

## דער אומבאשרייבליכער קידוש

באשליסנדיג צו צעטיילן די שטיקלעך פון רבי שלמה אלקבץ'ס לכה דודי לענגאויס דעם ארטיקל, האב איך נישט געטראכט ווי גוט דער 'לא תבושי' וועט זיך אריינפאסן 'פונקט' ווען מען שרייבט איבער דעם 'לא תבושי' מצב שבת צופרי ביים קידוש נאכ'ן דאווענען, וואס איז פון די קלימאקסן ביים המספיק שבת, ווען עס פארווירקליכט זיך א מצב פון לא תבושי ולא תכלמי, שטומע ווערן רעדעוודיג און שעמעוודיגע ווערן אפן, מה תשתוחחי ומה תהמי, וואס מען שמועסט דארט איז ממש וואונדערליך.

מרגלא בפומיה דכותב שורות אלו, אז איינער וואס האט נישט א קינד וואס פאדערט א באזונדערע טרעה, זאל אפילו נישט פרובירן צו פארשטיין דעם מיט'ן קינד וואס מאכן זיינע עלטערן ספעציעל, ווייל ווי דער שפת אמת טייטשט דעם 'אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו – אז 'ולמקומו לעולם אל תגיע', פרוביר נישט יענעם צו פארשטיין, ווייל וויבאלד דו ווערסט קיינמאל נישט זיין ממש אויף זיין פלאץ און מצב ממילא ווערסטו אים קיינמאל נישט פארשטיין.

פארוואס זאג איך דאס, ווייל דער ארט וואו דער קידוש קומט פאר שבת צופרי נאכ'ן דאווענען, איז אן ארט וואס איז ראוי אז דער בית המקדש זאל געבויט ווערן, א שטייגער ווי די צוויי ברידער וועלכע האבן זיך באגעגנט אינמיטן נאכט טראגנדיג בינטלעך תבואה איינער צום אנדערן, ביז זיי האבן זיך דערקענט און געפאלן איינער אויפ'ן צווייטנס האלז. בך יחסו עניי עמי, און עס איז ראוי אויפ'ן מקום פונעם 'קידוש' שם שמים זאל זיין דער ונבנתה עיר על תילה.

יא, איר האט צוויי אויגן, און איר קענט ליינען מיין געשריבן ווארט; איר האט צוויי אויערן, און איר קענט אפשר אפילו הערן פון א חבר וואס איז געווען ביי דעם קידוש פאר די סעודה און ער זאל אייך פרובירן שילדערן וואס דארט גייט פאר, אבער עכט צו וויסן באמת וואס דארט קומט פאר, אויף דעם פארלאנגט זיך צו זיין זעלבסט א טאטע פון א קינד וואס פאדערט א באזונדערע טרעה, און אויב זענט איר נישט, גלויבט דעם אויבערשטן, זאלט איר ווייטער קיינמאל נישט זיין און ענדערש בלייבן ביים נישט פארשטיין.

די רעדע איז נישט דא פון די לעיבער, גריוון, ברוינפן, יאפטשיק, טשאלנט קוגל און קעיק וואס ווערט ברייט סערווירט ביי דעם קידוש במקום סעודה להחיות נפש כל חי, די רעדע איז דא פון דעם וואס עס פאסירט אינמיטן דעם קידוש, ווען עלטערן פון קינדער וואס מאכן זיי ספעציעל, לאו דוקא רעדנערס, נאר טאקע פשוט'ע עלטערן וואס שעמען זיך מעביר סדרה צו זיין ברבים, שטעלן זיך אויף בפני כל עם ועדה און דערציילן איבער זייערע ליידן און פריידן.

כ'האב אסאך אריינגעטראכט אין דעם, ספעציעל נאכדעם וואס היי יאר האט זיך אויפגעשטעלט מיינס א באקאנטער, א פרישער יונגערמאנטשיק וואס איז פון הימל געבענטשט מיט צוויי קינדערלעך מיט דאון סינדראם. ער האט ספאנטאניש זיך אויפגעשטעלט אינמיטן קידוש און גערעדט אונטער א פערטל מינוט. וואס גייט ער שוין זאגן, וואס קען ער זאגן? הער איך ווי ער זאגט "איך בין א טאטע פון צוויי דאון סינדראם קינדער. ווען איך האב געהאט מיין צווייטע אזא קינד, בין איך געווען שרעקליך צעבראכן. איך בין אריין צו מיין רבי'ן דער קלויזנבורגער רבי שליט"א, איך האב אים געזאגט: 'רבי, איך שפיר אז דער הימל פאלט אראפ אויף מיר. איך האלט עס נישט אויס!' האט מיר דער רבי געזאגט: 'דער אויבערשטער ווארט אויף דיין שמחה. זע אז דו און דיין אידענע זאלן שטענדיג זיין בשמחה, וועט עטס עס קענען דורכטראגן'." האט דער יונגערמאן אויסגעפירט: "איך האב געפאלגט דעם רבי'ן, איך בין שטענדיג בשמחה, און עס איז אונז אסאך גרינגער. אידן, זייטס בשמחה און עס וועט אייך זיין לייכטער."

וואס איז פשט פון אזא מין דרייסט פון א יונגערמאן?! נאר וואס דען, וויבאלד מען טרעפט זיך אינמיטן שבת אין א מצב וואס מען פארברענגט שעות על גבי שעות מיט אחים לצרה, שאפט זיך א געוויסע סארט זעלטענע נאנטקייט אז "יענער פארשטייט מיר", וואס דאס ברענגט אז מען זאל האבן צוטרוי איינער אינעם אנדערן און פארשטייפטע, צוריקגעצויגענע אידן זאלן זיך אויפשטעלן אויפ'ן פאדיום און רעדן פון זייערע איבערלעבענישן, ווייל מען שפירט אז מען רעדט צו הערצער וואס הערן דיך און פארשטייען דיך, און עס איז גאר אנדערש ווי ווען דו רעדסט אפילו צו דיין נאנטסטע משפחה מיטגליד ביי וועמען 'צער גידול בנים' מיינט אז ער האט געדארפט אויפשטיין אינמיטן נאכט נעמען אביסל הייס וואסער צו מאכן א באטי.

די אויגן ווערן מיר נאס ווען איך דערמאן זיך פון דעם עלטערן ליטווישן איד וועלכער האט פארלאפענעם יאר זיך אויפגעשטעלט שבת ביים קידוש רעדן. ער האט דערציילט איבער זיין עלטערן בחור וואס מאכט פרייליך אין שטוב. אינמיטן האט ער אויסגעבראכן אין אזא געוויין אז ער האט פשוט נישט געקענט קומען צו זיך.





# אפענע הערצער אין א פארמאכטן שבת

מען האט אים געדארפט ברענגען וואסער. ער האט ווייטער גערעדט, און ווידער געבראכן אין א געוויין.

צווישן איין רעדנער און צווייטן איז געווען פרייליך ווי פורים שחל בערב שבת, הני תרי בדחני דמלכא דמזומנין לחיי עולם הבא, ר' הערשל פריעדמאן און דער חאצאצקער רבי הרב וועלוול גאלדשטיין, האבן געפראוועט ליצנותא דצרותא אויף א שרעקליכן פארנעם, גענצליך ארויס פון קאנטראל. ספעציעל ווען דער חאצאצקער האט זיך אנגעטון זיין קאלירפולע בעקיטשע וואס איין קנעפל פאסט נישט מיט די אנדערע, ער איז געטאנצן אויף די טישן און געמאכט פרייליך.

עס איז געווארן אינמיטן א דין ודברים לגבי דער טעמע צי מען זאל יא אדער נישט אוועקגעבן קינדער מיט ספעציעלע געברויכן, האט זיך ר' הערשל געגעבן א שטעל אויף און געשריגן מתוך גרונו ווערטלדיג "איך האב א קלארע באוויז אז מען דארף נישט אוועקגעבן ספעציעלע קינדער, והא ראי', וועלוול גאלדשטיינ'ס טאטע האט אים נישט אוועקגעגעבן"...

רבי יוסף חיים האט אפילו אנגעהויבן דערמיט די שלש סעודות תורה, זאגנדיג "איך בין נאך אלץ איבערגענומען פון דעם 'מעמד הקידוש' ווען די עלטערן האבן אזוי אפן גערעדט. עס האט ביי מיר געמאכט א געוואלדיגן רושם". דאס זעלביגע האט אנגעהויבן זיינע ווערטער ביי די דרשה ביי די שבת צופרי סעודה הרה"ג רבי יעקב ווייס שליט"א פון מאנסי, וועלכער איז געווען באצויבערט פון וואס ער האט אלץ געהערט ביי די אפענע שמועסן ביים שבת צופרי קידוש.

עס האט זיך אויך אויפגעשטעלט א טאטע, א גורער חסיד. עס איז געווען קאמיש ווען ר' הערשל האט אים אויסגערופן, דערציילנדיג אז אמאל האבן געהייראט א גורער חתן מיט אן אונגארישע כלה. ווען דאס ערשטע יונגעלע איז







געבוירן האט זי געוואלט געבן א נאמען נאך איר טאטן נח (געזאגט אזוי אויף א פארצויגענעם אונגארישן נויעעך), אבער ער האט גע'טענה'ט אז נח איז צו א לאנגע נאמען, נאר ער וויל מען זאל געבן א קורצן נאמען. וועלכע קורצע נאמען? פנחס מנחם (געזאגט אזוי שנעל מיט א פוילישן גורער אידיש).

הכלל, געדענק איך נאך פון פאראיאר ווען דער גורער טאטע האט געבראכן די נייעס אז זיין טאכטער מיט ספעציעלע געברויכן איז א כלה געווארן! ער האט דערביי געזאגט אז "ווען מען מאכט חתונה אזא קינד, שיקט מען נישט ארויס דאס קינד, נאר אדרבה, מען נעמט אריין נאך א קינד צו זיך אין שטוב". ער האט דערביי דאן געבעטן פון אלע עלטערן אז מען זאל זיכער מאכן אוועקצולייגן יעדן איינציגן מעדיצינישן רעקארד, ווייל ווען עס קומט צו שידוכים איז עס קריטיש וויכטיג, און עס איז ראטזאם צו מאכן א ספעציעלע אימעיל אדרעס וואס דארט זאל מען אוועקלייגן די רעקארס פונעם קינד.

היי יאר האט דער זעלבער גורער טאטע ווידעראמאל זיך אויפגעשטעלט. ער האט אנגעהויבן "עס קומט מיר א מזל טוב, מיין טאטער האט שוין ב"ה חתונה געהאט". דער עולם האט הויך אויסגעשריגן מזל טוב און אים געוואונטשן אסאך נחת, ער האט דאן דערציילט פארשידענע אינטערעסאנטע שטריכן.

דער קלימאקס פון די קידוש רעדנערס איז געווען ווען עס האט זיך אויפגעשטעלט נישט קיין צווייטער ווי הרה"ח ר' מאיר ווערטהיימער הי"ו אליין!

ר' מאיר איז געווען קענטיג באנומען פון דעם ארומיגן מצב. ער איז טאקע דער גרינדער און אייגנטימער פון די המספיק-היים נעצן, אבער דאס מאכט אים נישט ווייניגער איבערגענומען צו זען ווי 'זיינע טאטעס' רעדן אזוי אפנהארציג פון זייערע איבערלעבענישן. ר' הערשל האט געלינדערט די ערנסטקייט אין דער לופט, אריינשרייענדיג פאר ר' מאיר'ן אז מען דארף אנהויבן מיט 'פותחין בכבוד האכסניה'...

דא האט ר' מאיר איבערראשט דעם עולם אז ער רעדט נישט דא אלס ר' מאיר ווערטהיימער פון המספיק, נאר טאקע אויך אלס א טאטע פון א קינד מיט ספעציעלע געברויכן. א גערירטער האט ר' מאיר אויפגעוויקלט זיינע ליידן פון לאנגע יארן צוריק, ווען עס איז נאך געווען הילו נירו על ראשינו פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע, "עס איז אונז דאן געבוירן געווארן א קינד מיט דאון סינדראם", דערציילט ר' מאיר א גערירטער, "דאס קינד לעבט שוין נישט".

דערציילט ר' מאיר גאר אן אינטערעסאנטע עפיזאד, אז בימים ההם איז נאך געווען אזא פאנטאזיע אז מ'קען היילן דאון סינדראם קינדער, און עס איז געקומען צו פארן א דאקטער פון אנדערן עק וועלט און געזאגט אז פאר פינף און צוואנציג אלפים קען ער היילן דאס קינד פון זיין דאון סינדראם מחלה. ער האט אפילו אנגעצייגט אז ער האט שוין געהיילט א געוויסן בחור מיט דאון סינדראם וואס לערנט שוין אין דער מירער ישיבה... (דאכט זיך אז ר' מאיר האט געזאגט אז ער איז אראפגעפארן קיין ארץ ישראל זען יענעם בחור, און האט שפעטער געהערט אז דער בחור האט געדארפט באהאנדלט ווערן נאכ'ן זיין אויסגעשטעלט צו א התמדה אויף וואס ער איז נישט געווען אויסגעשטעלט. אגב, אינטערעסאנט צו באמערקן אז אין דעם "מאָמענט" אינטערוויו מיט ר' נתן סאנדער [מאָמענט #241] איבער זייער קינד מיט דאון סינדראם, האט מרת סאנדער אויך דערמאנט איבער דער אמאליגער איינרעדעניש פון דאקטוירים אז מיט געלט קען מען היילן דאון סינדראם.)

הכלל, האט ר' מאיר דערציילט אז ער איז אריין צום רבי'ן זצ"ל, צו פרעגן את המעשה אשר יעשון. ער האט געזאגט פאר'ן רבי'ן אז עס איז דא אן אויסלענדישער דאקטער וואס זאגט אז פאר דעם ריכטיגן פרייז קען ער היילן דאס קינד פון דאון סינדראם.

האט דער רבי געזאגט, הגם אז חז"ל זאגן אונז (בבא קמא פ"ה) "אסיא דמגן, מגן שויא", אז א דאקטאר וואס בעט געלט, איז ווערד געלט, און א דאקטאר וואס בעט נישט קיין געלט, איז גארנישט ווערד, אבער דאס איז נאר - האט דער רבי געזאגט - אויב די רפואה איז אויף דעם אפיציעלן וועג, אבער אויב נישט, איז דאס נישט דערביי געזאגט געווארן.

"איך בין זייער איבערגענומען!" האט ר' מאיר אינמיטן דערמאנט איבער זיינע טיפע געפילן זייענדיג צום ערשטן מאל ביי דעם שבת בכלל, און ביי אזא אפנהארציגן קידוש בפרט.

עס איז מיר געווען א חידוש ווען א גאר ערליכער קרית יואל'ער מגיד שיעור, וועלכער האט זיך ווארשיינליך מיטגעברענגט זיין אייגענע בילקע, האט גענומען די קוראזש און זיך אויפגעשטעלט אלס טאטע פון א ספעציעל קינד און גערעדט וואס דאס באדייט אין פריידן און אין ליידן.

דער מרביץ תורה האט בתוך דבריו דערציילט א מעשה וואס איך האב שוין עטליכע מאל געהערט, אבער יעדעס מאל וואס מען הערט עס גיט עס א פרישן חיזוק פאר עלטערן. ער האט דערציילט וואס ער האט געהערט פון א איד וואס האט באזוכט ביים וועלט'ס מגיד שיעור הגאון הגדול רבי מיכל זילבער שליט"א, און רבי מיכל האט אים דערציילט אז ער זעלבסט איז געבענטשט מיט אן עלטער קינד מיט העכסט ספעציעלע געברויכן. איין טאג איז מען געקומען פון שטוב רופן עמערדזשענסי רבי מיכל אינמיטן שיעור אז ער דארף שוין אהיימקומען. וואס איז? דער בחור האט זיך פארשמירט און מען דארף מקיים זיין דעם יבוא האב ויקנח...

רבי מיכל האט איבערגעלאזט דעם שיעור אינדערמיט, און נאך א שטיק צייט איז ער צוריקגעקומען, ער האט זיך אנטשולדיגט אויף וואס עס האט פאסירט און אז ער האט געהאט א שווערע אומאנגענעמע ארבעט אין שטוב.

ווען איינער פון די מקשיבי השיעור האבן זיך געוואגט און געפרעגט "וואס האט דער רבי געשפירט ביים טון די ארבעט?" האט הרב זילבער געענטפערט: "איך האב געהאט די הרגשה אז איך טו יעצט די עבודה פונעם כהן גדול יום כיפור לפני ולפנים!"

הרב זילבער האט דאן מסביר געווען דעם ענין, אז א איד איז אראפגעקומען אויף דער וועלט צו טון דעם רצון השם, און אויב איז דאס יעצט דער רצון השם, דארף מען דאס טון מיט די גרעסטע כוונות לעשות רצון קונו.

צווישן די טאטעס וועלכע האבן גענומען די קוראזש און גערעדט, האט זיך אויך געציילט דער שרייבער פון אט די שורות. איך האב בעצם נישט געהאט בדעה צו רעדן, נאך אלעמען בין איך אהערגעקומען זיך אביסל אפרוען דאס זעקל ביינער, אבער אז הרב קטינא בעט און זאגט אז עס קען האבן א השפעה אויף אנדערע עלטערן, קען מען זיך נישט אזוי שנעל ארויסזען דערפון.

איך האב אנגעהויבן מיינע רייד זאגנדיג אז פארלאפענעם יאר האב איך גערעדט אלס טאטע ביים קידוש א צוויי מינוט ממש, און עד היום הער איך צוריק פון עלטערן וואס האבן זיך ארויפגעכאפט אויף מיינע רייד און זענען זיך מחזק דערמיט אין שווערע צייטן, וואס דאס איז מיר באשטעטיגט געווארן ווען צוויי שכינים ביי מיין קידוש-טיש האבן מיר געזאגט אז זיי זענען א טאטע און א זון פון שיכון סקווירא, וואסביידע האבן באקומען אלס מתנה פון הימל א ספעציעל קינד (איך שרייב נישט אז 'זיי האבן די זכיה', ווייל איך פערזענליך גלייך זייער נישט דעם אויסדרוק פאר א טאטע אדער מאמע אז "דער אויבערשטער האט ענק געגעבן די זכיה צו האבן אזא קינד". ווי האט הרב אהרן ארי' אייזענבערג - אליינס א טאטע וואס האט די זכיה - געזאגט ביי זיין פאריעריגע דרשה, "מיין טאכטער האט מיר אמאל געזאגט: טאטי, איך האב זייער א נאנטע חבר'טע אין קלאס, זי איז זייער א חשוב קינד, איך מיין אפשר זאל מען געבן פאר איר די זכיה"...) הכלל, זיצנדיג ביים קידוש שבת צופרי האבן מיר דער טאטע און זון - אותו ואת בנו - געזאגט, אז זיי האבן זיך איינגע'חזר'ט געוויסע פונקטן פון מיין פאריעריגע קורצע קידוש רעדע און "מיר שעפן דערפון חיזוק א גאנץ יאר". והיה זה חלקי מכל עמלי, תרתי משמע.

הכלל, איך שטעל מיך ארויף אויפ'ן פאדיום, מיט א תפילה קצרה אז ר' הערשל און ר' וועלוול זאלן מיר וואס ווייניגער צימבלען, חיל ורעדה יאחזון זענדיג ווי ממש פארנט פון מיר זיצט גאר הגאון החסיד רבי יוסף חיים שליט"א, און נאכ'ן הערן פון אים טויזנטער שיעורים מיט הייליגע עובדות איבער רבי איציקל נעשכיזער, דעם הייליגן ראדאשיצער וכל קדושי מעלה, בין איך גאר יעצט דער וואס גייט רעדן פארנט פון אים.

איך האב אנגעהויבן מיינע ווערטער מיט די באקאנטע עובדא, אז ווען רבי ישראל סאלאנטער זי"ע האט חתונה געמאכט א יתום וועמען ער האט אויפגעהאדעוועט, האט ער אים געגעבן א פארמאכטע קאנווערט צו נעמען אונטער די חופה. "מאך עס אויף ערשט נאך די חתונה", האט ער אים געבעטן. נאך דער חתונה ווען דער חתן האט געעפנט דעם קאנווערט, איז ער איבערראשט געווארן צו טרעפן דארט א קליין פיצעלע שטיינדל. ווען ער האט אנגעפרעגט זיין שטיף-טאטע רבי ישראל סאלאנטער פשט דערפון, האט ער אים געזאגט "איך ווייס אז איך האב דיר דאך געטון אזויפיל טובות, וועסטו מיר דאך יעצט צוריקווארפן שטיינער, בעט איך דיר, זאל עס כאטש זיין א קליין שטיינדל"...

מיט די ווערטער האב איך באגריסט ר' מאיר ווערטהיימער, וועלכער איז דארט געזיצן הארט נעבן מיר. "יעדער דא אין צימער האט דאך שוין באקומען פון ר' מאיר א טובה. איך פערזענליך האב שוין געהאנדלט מיט רבי מאיר, און כ'קען אייך זאגן קלאר, רבי מאיר אומר, יכולה היא שתרחם, איז לאמיר געדענקען צוריקצוגעבן א טובה און נישט א שטיינדל".

אין מיינע ווערטער האב איך דערמאנט אז א חשוב'ער איידעם פון ר' מאיר האט פאראיאר גערעדט איבער דער באפרייאונג פון רובאשקין, האב איך דערמאנט ווי מרת רובאשקין האט געשילדערט ווי זי האט געהאלטן ביי זיך אין קאר פאר זיבן יאר איר מאנ'ס הוט און רעקל, עטליכע מאל איז עס געווען אין קלינערס, און ווי אזוי זי האט טאקע נישט געהאט צייט אהיימצולויפן נעמען זיין הוט און רעקל ביי זיין פלוצלינגדיגע באפרייאונג יענעם זאת חנוכה, איך האב דערביי געשילדערט ווי אזוי איר סעלפאן האט זיך צעבראכן קורץ נאכדעם וואס זי האט ערהאלטן

די ידיעה פון דעם אדוואקאט אז דער פרעזידענט האט נארוואס באפרייט איר מאן, און ווי אזוי זי האט א גאנצע וועג געזאגט הלל איינמאל און נאכאמאל.

איך האב דערמאנט וואס מרת רובאשקין האט דערציילט אז ווען איר ספעציעל קינד מוישי האט געהערט אז טאטי איז באפרייט פון תפיסה, האט ער רעאגירט מיט א פראגע: "און וואס וועט זיין מיט די אנדערע אידן וואס זיצן דארט?" (ער האט ספעציעל געפרעגט וועגן רמ"י סאמעט). דא האב איך באמערקט ווי רבי יוסף חיים צעכליפעט זיך.

רעדנדיג פון שמחה האב איך ציטירט דעם יונגל חזקי טורנהיים (מאמענט #229) וועלכער איז ניין יאר אלט און זיין קערפער איז גרויס ווי אן אנדערטהאלבן יעריג קינד. איך האב ציטירט וואס חזקי האט געזאגט ביי א כינוס המנהלים, אז אויב וואלט מען געקוקט אויף זיין קערפער און נישט אויף זיין שכל, וואלט ער ווען נישט אנגעקומען ווי ער איז היינט, מאכנדיג א סיום משניות ביי הגאון רבי חיים קנייבסקי שליט"א, וועלכער האט זיך אויסגעדריקט אז "פאר דעם קינד האט זיך אלעס געלוינט".

צווישן אנדערן האב איך דערציילט איבער דעם גרויסן כח התפילה אין מירון, און איבער א פערזענליכע שווארץ-אויף-ווייס געשיכטע איבער'ן כח פון רבי שמעון. איך האב שוין ב"ה זוכה געווען אז הגה"ח רבי יוסף חיים האט נאכדערציילט די געשיכטע ביי זיין וועכנטליכן ליל שישי שיעור אינעם דעעשער ביהמ"ד וואס ווערט מיטגעהאלטן דורך טויזנטער איבער דער וועלט, און דאן האב איך פארשטאנען פארוואס הגרי"ח האט מיר צוגערופן מוצאי שבת און אנכאפנדיג מיר די הענט איבערגעפרעגט די דעטאלן פון דער פאסירונג.

איך האף אז איך האב גוט פארענדיגט מיינע ווערטער דערמאנענדיג א ווארט וואס כ'האב לעצטנס געהערט פון איינעם פון די גורער רביים. די משנה זאגט "פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן", האט ער געטייטשט "פת במלח", אויב האסטו נאר ברויט מיט זאלץ, "תאכל", עס עס צו דער זעט, נישט זאלסט זיין פארנומען קרעכצן פארוואס דו האסט נאר טריקענע ברויט מיט זאלץ. "ומים במשורה", אויב האסטו נאר איינפאכע וואסער, "תשתה", טרינק א'מחיה. "ועל הארץ", אויב קענסטו נאר שלאפן אויף דער ערד, "תישן" - שלאף גוט. האט ער געזאגט, "ואם אתה עושה כך, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא", וועסטו האבן א גוט לעבן דא אויף דער וועלט, מיט גרויס שכר אויף יענער וועלט.

עס איז מיר געווען א חידוש פאראיאר און היי יאר אויך, ווי נאך מיינע פאר ווערטער האט זיך געשלענגלט א רייע פון ערוואקסענע עלטערן - וועלכע קענען זיין מיין פאטער - און געקומען קאמענטירן אויף מיינע רייד. עס ליגט מיר נאך אין די ביינער ווי אן עלטערער איד מיט א ווייס/גרויע בארד, איז פאראיאר צוגעקומען צו מיר און געזאגט "ווען איך האב געהאט מיין ספעציעל קינד, האב איך געשפירט אז די וועלט איז מיר חרוב געווארן; איך האב געקלונגען צו מיין טאטן וועלכער האט דאן געוואוינט אין ארץ ישראל, כ'האב אים געזאגט, טאטי, עס קומט מיר א מזל טוב, אבער ס'איז ליידער א נישט געזונט קינד. איך האב ערווארטעט אז מיין טאטע זאל מיר מחזק זיין, אבער מיין אלטער טאטע האט אנשטאט רעאגירט: "קינד מיינס, דאס לעבן איז נישט קיין מוציא מיט האניג"...

ביים קידוש איז אויך געהערט געווארן טרעפליכע ווערטער דורך די מגידים הרב מרדכי הערש שפיטצער און הרב ישראל פוקס, וועלכע האבן באגייסטערט דעם ציבור, בשעת ווען אין דער זעלבער צייט האט מרת זעלדא סאמעט גערעדט פאר די בית יעקב אלו הנשים בחצר גינת ביתן המלך.

וְהָיוּ לִמְשִׁסָּה שֹׁאסָיִךְ
וְרָחֲקוּ כָּל מְבַלְּעָיִךְ
יָשִׂישׂ עָלַיִךְ אֱלֹקָיִךְ
כִּמְשׂוֹשׂ חָתָן עַל כַּלָּה

## סעודה שבת צופרי

נאכ'ן לאנג פארצויגענעם קידוש, שוין בערך דריי אזייגער שבת נאכמיטאג, האט מען זיך געזעצט צו דער שבת'דיגער סעודה וועלכע איז שוין געווען לתיאבון, האלטנדיג אזויפיל שעות נאכ'ן דאווענען.

די זיצן זענען געווען פונקט ווי נעכטן; דער שואל ומשיב, דער נגיד, דער חב"ד'סקער, דער סופר און דער איד מיט'ן צוקער מאשינקע.

ביי דער סעודה האט אויפגעטרעטן הגה"צ רבי יעקב ווייס שליט"א פון מאנסי ור"מ בקרית יואל, וועלכער האט באצויבערט דעם עולם מיט אייגענע איבערלעבענישן און טרעפליכע דברי חיזוק.

דאן האבן די חברה שירה זיך געשטעלט אין דער הייך, כגמל הפורח באויר, און געזינגען דעם אור אלטן ניגון "א אידישע מאמע", וואס איז געווען זייער פאכמאניש אראפגעלייגט, און האט געקאסט אפאר טרערן ביי די 'אידישע מאמעס' אין עזרת נשים.

דער שינה בשבת תענוג האט שוין לאנג נישט געהאט ביי מיר אזא טיפער באדייט ווי דער קורצער אבער טיפער דרימל וואס מען האט פארווירקליכט אינעם שבת נאכמיטאג, נישט קענענדיג צופיל מאריך זיין וויסנדיג אז אום זעקסע קומט שוין פאר דער "עונג שבת" און 6:30 גייט דער היינט-באקאנטער שריפטשטעלער הרב אליהו יואל גליק פארלערנען פרקי אבות און 7:15 דאווענט מען דאך שוין מנחה.

פאר די נשים זענען געווען באזונדערע שיעורים פרקי אבות מיט אן אויסוואל אין דער אידישער אדער ענגלישער שפראך. שבת נאכמיטאג זענען די נשים איבערראשט געווארן ווען א "סורפרייז רעדנער" האט געברענגט טרערן אין אלעמענ'ס אויגן. געווען איז דאס ווען א חשוב'ע חסידיש מיידל, וועמענ'ס אויגן איז ליידער טונקל, דאס וואס מען רופט "בלינד", האט מיט א זעלטענער קוראזש גערעדט פאר די אידישע מאמעס.

"מיין טאכטער איז טאקע בלינד", זאגט מיר שפעטער איר פאטער, א געשמאקער איד, "אבער זי איז זייער שטארק אין אירע אנדערע כשרונות, אסאך שטארקער ווי אנדערע קינדער איר יארגאנג", באשטעטיגט ער דערמיט דאס וואס איינע פון די רעדנערס האבן שוין דערמאנט שבת אז מ'קען זען ביי די סארט קינדער אז זיי זענען מצליח אין אנדערע הינזיכטן, ווייל די טרערן פאר זיי גייען נישט לאיבוד און ווירקן פאר די איברים וועלכע ארבעטן יא ביי זיי.

איך האב עטליכע מאל דורכאויס שבת געזען דעם טאטן שפאצירן אנכאפנדיג זיין נישט-זעעוודיגע טאכטער, זי קען יא וואשן און קאכן

פירן די ווערטשאפט אין הויז, מיט א שטעקן גייט זי אין גאס, אבער זי איז 'נישט' די נעבעך אין קלאס! לא יכבה בלילה נרה, אירע צוויי בלינדע אויגן, זעען טאקע זיי קענען נישט, אבער וויינען קענען זיי נאך יא. ווייטאגליכע קרעכצן, נאך אזויפיל יארן פון דריק, עס גיסט זיך א גאס פון געוויין, עס שטייט איר פאר די אויגן מחשבות פון יארן צוריק, וואס קיינער ווייסט נישט נאר זי אליין. מיין קינד כ'האב דיר קיינמאל פארציילט דורכאויס די אלע יארן, אז דו ביסט געבוירן געווארן מיט א חסרון, איך האב נישט געוואלט אז דו, זאלסט פילן ווי, ביסט אנדערש ווי יעדן איינעם, אבער מיר האבן באשלאסן אז מיר דערציילן עס פאר יעדן איינעם...

"איך מוז רופן מרת רובאשקין און זאגן וואס איר האט נאכגעזאגט פון איר", זאגט מיר דער טאטע פונעם מיידל וועלכער איז נאנט מיט די רובאשקינס. "זי מוז דאס הערן", לייגט ער צו בשעת ווען דער קרית-יואל'ער מגיד שיעור קומט אריין אין בילד און זאגט "כ'האב עס שוין איבערגעזאגט פאר עטליכע מענטשן היינט, עס איז מורא'דיג".

יָמִין וּשְׂמֹאל תִּפְרֹוצִי
וְאֶת ה' תַּעֲרִיצִי
עַל יַד אִישׁ בֶּן פַּרְצִי
וְנִשְׂמְחָה וְנָגִילָה

## א טרערנפולע שלש סעודות

"זמן שלש סעודות 7:30" ליין איך אויפ'ן סדר היום, "אין אידיש וועט רעדן רבי יוסף חיים גרינוואלד, אין ענגליש וועט רעדן הרב ארי' משה רויד".

איך שטיי און איך קוק אויפ'ן סדר היום אינאיינעם מיט מיינס א באקאנטער. איך האב שוין ביי מיר פון לאנג אנגעמאכט אז שלש סעודות גייט מען צו רבי יוסף חיימ'ן, אבער דער חבר פרובירט מיר צו באאיינפלוסן "רבי יוסף חיים האסטו דאך יעדן טאג אין קאר... ווען האסטו רב רויד?" איך האב אים מסביר געווען אז דאס איז נישט סתם נאך א שיעור, נאר ליבי אומר לי דא גייט קומען א שלש סעודות ווי קיינמאל בעפאר. ער האט זיך אבער געהאלטן ביי זיינס, ער גייט צו רב רויד, א פיינער רעדנער, רעדט דראמאטיש און הומאריסטיש. ווען איך וויל אים געבן א גוטע טשעפע, זאג איך אים נאך שטיקלעך פון רבי יוסף חיימ'ס שלש סעודות באגלייט מיט שירה און בכיה, פון דער אנדערער זייט זאגט ער מיר אז ער האט נישט קיין חרטה פאר'ן גיין הערן הרב רויד, וועלכער האט גערעדט מיט אן אויסטערלישע מהלך פון עניני אמונה ובטחון מפי ספרים וסופרים, וואס ער שפירט עס באגלייט אים בכל צער וצער.

נאך מנחה איז סערווירט געווארן שלש סעודות, בילקעס מיט פישן און סאלאטן. הונגעריג בין איך נישט געווען, אזוי אז די כזית חלה איז געווען לשמה ממש.

איך האב זיכער געמאכט צו טרעפן א גוטע פלאץ, ממש סמוך ונראה צו רבי יוסף חיימ'ס שטענדער, וואס איז געשטאנען פארנט פונעם פארהאנג וואס טיילט אפ פון די נשים וועלכע ווילן אויך קומען הערן דעם שלש סעודות תורה.

ווען איך האב געזען ווי ביי א דערנעבנדיגן טיש, רעכטס פון רבי יוסף חיים, זעצן זיך אוועק די חברה שירה, ר' שרגא פייוול און ר' הערשל און די גאנצע חבורה, האב איך געוואוסט אז דא קומט א נאכט.

עס געדויערט נישט לאנג און רבי יוסף חיים קומט ארויף צום שטענדער, מיט'ן פאלדער פארשטייט זיך... פארמאכט די אויגן און עפנט פה קדשו:

"איך בין נאך אלץ אונטער'ן רושם פונעם היינטיגן קידוש, ווען די טאטעס האבן גערעדט. איך קען נישט צו זיך קומען פון דעם". דאן האט רבי יוסף חיים באטאנט אז ביים קידוש האט מען היינט געהערט א מעשה נושא פון מירון, "וויל איך אויך דערציילן א מעשה פון מירון". ער האט באטאנט אז ער דארף זיין פארזיכטיג ווי אזוי ער דערציילט עס ווייל "דער זיידע פון דעם קינד ביי וועם עס האט פאסירט געפינט זיך דא צווישן אונז בתוכינו".

ער האט דערביי געשילדערט ווי אזוי עס איז געבוירן געווארן א יונגל, אבער נאך אפאר טעג האט מען געזען אז דאס יונגל עסט נישט, ער נעמט נישט צו קיין וואג. מען האט געמאכט א טעסט האט מען געזען אז ער האט ל"ע א לאך אין די קישקע. דער דאקטער האט געזאגט אז 'דאס איז עס', נישטא וואס צו טון. מען האט באלד געשיקט א שליח קיין מירון. בשעת ווען די שלוחים זענען געווען ביי רבי שמעון, איז דער דאקטער ארויסגעקומען זאגן "מירעקל!" א נס, דער לאך איז פארשוואונדן. אנפלעקט מיר שפעטער ידידי הרב הערשל פעקעטע, רב ד'שירה און אייגנטימער פון בן מלך שטריימלעך, אז נעבן אים איז געזעסן א געוויסער זינגער וואס איז אויך א מלמד און "בשעת מעשה האט ער מיר אונטערגעמורמלט אז דאס יונגל לערנט ביי אים אין חדר!"

דא האט רבי יוסף חיים דערציילט דעם משל מיט וואס מיר האבן אנגעהויבן דעם ארטיקל, ווי אזוי דאס קינד געזעגנט זיך מיט'ן שר און בעט אים אז ווען ער גייט צוריק צום טאטן דער מלך זאל ער אים דערציילן וואס ער מאכט דא מיט. איך האב פארפאסט אן אטעם און זיך מילד דערשראקן ווען רבי יוסף חיים גיט אן עפן אויף דעם בעקישא און שרייט אויס מיט בכיות

> "מיין טאכטער איז טאקע בלינד", זאגט מיר שפעטער איר פאטער, א געשמאקער איד, "אבער זי איז זייער שטארק אין אירע אנדערע כשרונות"



נוראות: "שבת קודש, ווען דו גייסט ארויף צום טאטן אין הימל, זאג אים וואס עס טוט זיך דא אונטער דיינע שבת'דיגע קליידער! ברענג א גרוס פאר'ן טאטן פון די צעבראכענע הערצער וואס זיצן דא יעצט מיר דיר אינאיינעם". נא, חברה שירה, שימינו כחותם, על לבך, כחותם על זרועך... דאן האט רבי יוסף חיים דערציילט די געשיכטע מיט דעם טאטן און די ביימעלעך פון זיינע קינדער, וואס מיר האבן פריער דערמאנט, און אידן זענען געלאפן צום נענטסטן טישל זוכן א פארבליבענע סארוועטל א וויש צו טון די דורכגעווייקטע אויגן.

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא אויב כ'זאל זאגן אז דער פארהאנג צווישן די מענער און די פרויען איז נאס געווארן פון די יללות וואס האט זיך אפגעטון ווען רבי יוסף חיים האט ווייטער געזאגט דאס פאלגנדע, "איך דארף אכטונג געבן וואס איך רעד", האט ער גערעדט פארזיכטיג, "ווייל עס איז זייער מעגליך אז מיין אידענע געפינט זיך דא הינטער'ן אנדערן זייט פארהאנג..."

דא האט הגרי"ח שוין נישט גערעדט אלס מגיד, נאר אלס טאטע, און טאקע מיט ווערטער דירעקט פון הארץ ארויס. מגלה טפח ומכסה טפחיים, האט רבי יוסף חיים דערציילט איבער א תקופה ווען מען האט בביתו געדארפט לויפן מיט קינדער צו טעראפיסטן. "געדענק איך יענעם ראש השנה" - איי איך וויין ווען כ'דערמאן מיר ווי אזוי ער האט עס געזאגט - "מיין אידענע איז אהיימגעקומען נאכ'ן דאווענען, נאך תקיעת שופר אא"וו, זי האט מיר געזאגט וואס זי האט אינזין געהאט ביים ונתנה תוקף, ווען דער חזן האט געזאגט די פחדימ'דיגע ווערטער 'ותזכור כל הנשכחות, ותפתח את ספר הזכרונות', וויפיל מאל דורכאויס דעם יאר בין איך ארומגעלאפן צו דאקטוירים, מען איז געלאפן צו טעראפיסטן, איך האב דאס שוין אלעס פארגעסן, איך געדענק שוין אליינס נישט יעדן טעראפיסט וואו איך בין געווען. אבער הייליגער באשעפער, דו ביסט דאך דער זוכר כל הנשכחות, דו געדענקסט דאך יא די אלע באזוכן ביי די אלע טעראפיסטן, ותפתח את ספר הזכרונות, דו עפנסט דיינע ביכער און זעסט צו וויפיל דאקטוירים מיר זענען היי יאר ארומגעלאפן. דו געדענקסט דאס אלעס און דו נעמסט דאס אפיר היינט ביים יום הזכרון" (איך האב געטראכט ביי מיר בשעת מעשה צוצולייגן דעם 'וחותם יד כל אדם בו', די אלע אונטערשריפטן אויף די אלע אפליקאציעס ביי די דאקטוירים און טעראפיסטן).

רבי יוסף חיים האט אזוינס גע'בוכה'ט ביים זאגן די ווערטער, מיטשלעפנדיג אנשים און נשים צוליב זייער טף מיט א גל של בכי' וואס איז לכאורה נישט געווען זייט די אבינו מלכינו'ס אין דעם מוצאי קריג יאר. עכ"פ איך האב נאך קיינמאל אזא מצב נישט מיטגעהאלטן, ווי א גאנצע שול אנגעפילט מיט הונדערטער עלטערן וויינען הויך אויפ'ן קול בלי הרף. דאן הייסט ר' יוסף חיים די חברה שירה אנצוהויבן "אוי הייליגער באשעפער, האב שוין רחמנות, אויף דיינע קינדערלעך"...

אזוי איז רבי יוסף חיים געגאנגען ווייטער און ווייטער נישט איבערלאזנדיג קיין איין אויג אומפארטרערט, ווען די משוררים זינגען צווישן איין שטיקל און צווייטן כנוסח בידערמאן, הערליכע ניגונים ווי 'אך לאלוקים' אא"וו.

ווען עס איז געווארן דער זמן פון מוצש"ק האב איך באמערקט ווי הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א, וועלכער איז געזעסן נישט ווייט פון הגרי"ח שליט"א, האט אים עפעס אריינגעמורמלט אין אויער. די רעזולטאט דערפון איז געווען אז רבי יוסף חיים איז ארויף אויפ'ן באנק, מיט א האלבן פוס אויפ'ן טיש, און אנגעהויבן זינגען גאר פרייליכע ניגונים טוישנדיג דעם טייטש פון ויחד יתרו פון איין פשט רש"י צום אנדערן, און ווען מען האט געזונגען "אויסגע'פועל'ט אלעס גוטס, אלעס גוטס" האט געהערשט דארט א שמחה כשמחת התורה, כדבר שאומרים אז אינעווייניג איז געווען יום כיפור אבער אינדרויסן שמחת תורה.

בּוֹאִי בְשָׁלוֹם עֲטֶרֶת בַּעְלָהּ
גַּם בְּשִׂמְחָה וּבְצָהֳלָה
תּוֹךְ אֱמוּנֵי עַם סְגֻלָּה
בּוֹאִי כַלָּה בּוֹאִי כַלָּה

## במוצאי יום מנוחה המצא לעמך רווחה

מוצאי שבת איז פארגעקומען די "מעמד הבדלה" אויף די גלאזערנע שטיגן פונעם הויפט לאבי. עס איז געווען א דערהויבן קאמיש בילד צו זען ווי דער חזן הרב מרדכי וואלף לאנדא זינגט די הבדלה. עס איז געווען א מצב, ספעציעל ווען מען האט געזונגען אינמיטן די "מי בן שיח ניגון" פון א חופה וואס האט פאר עטליכע מינוט געמאכט דעם מצב אין זאל כאילו מען שטייט דא ביי א חופה פון א קינד בשעת ווען בשמים זעקלעך ווערן געליפערט פון האנט צו האנט. און ווער האט געהאלטן די הבדלה? נו ווער, אויב נישט ר' וועלוול גאלדשטיין.

מיין מיסטעריע דורכאויס גאנץ שבת וואס עס זוכט דא ידידי דער בארימטער פאטאגראפירער דוב לענטשעווסקי האט זיך יעצט געשלאסן, זעענדיג ווי אזוי ער פאטאגראפירט די סצענעס מיט א געוואלדיגער גענויקייט.

נאך הבדלה איז דער ציבור ארויף צו די צימערן זיך מסדר זיין, ווען עס ווערט סערווירט



און ווער האט געהאלטן די הבדלה? נו ווער, אויב נישט ר' וועלוול גאלדשטיין. **ביי הבדלה.**



פריש געמאכטע פרוכט-געטראנקען ("סמוטיס") און חמין במוצאי שבת מלוגמא. דא און דארט האבן זיך אידן געזעצט אויף די האטעל סאפעס און געקופקעט איבער אלץ און אלעמען. אין מיין קבוצה האט זיך געשאפן א שמועס איבער ביליג חתונה מאכן, וואס איז דאן געווען אויפ'ן טיש צוליב די ברסלב'ער חתונה אין וויליאמסבורגער שול. אידן וועלכע האבן שוין חתונה געמאכט קינדער זענען געזיצן און העפטיג דעבאטירט צי אזא זאך קען יא ארבעטן אדער נישט.

היפש נאך חצות הלילה איז סערווירט געווארן א מלוה מלכה כיד המלך, כאילו דער עולם האט נישט געגעסן פאר דריי טעג.

ביי מלוה מלכה האט אויפגעטרעטן דער פסיכאלאג דר. דוד ליבערמאן, מיט א פראפעסיאנאלן ענגליש איבער אהבה אחוה שלום ורעות. די עזרת נשים האבן באשטעטיגט אז ער האט גאר גוט גערעדט.

איך פערזענליך האב שטארק געקוואלן פון ר' יואלי לעבאוויטש, פעסטער רבי, מיט זיינע טרעפליכע ווערטלעך און זיין שילדערונג ווי אזוי עס וואלט אויסגעזען ווען חסידים זאלן האבן אן אייגענע עירליין...

עס איז שוין געווען נאך זייגער פיר פארטאגס ווען מען האט געענדיגט די מלוה מלכה, אבער איין מינוט, מען איז נאך ווייט פון פארטיג. זונטאג צופרי איז מען געבליבן אינעם האטעל, געכאפט א מקוה און מנינים צום דאווענען, דאן א פרישטאג כיד המלך, ווען באדינער שטייען און פרעגלען אייער-שפייז מיט טשיז און צוויבל און שוועמל לויט יעדנ'ס באגער.

ארויסגייענדיג שוין נאך חצות היום האט פאר אלעמען אפגעווארט א 'פריסבי' אלס סאוועניר, אהיימצוטראגן פאר די קינדערלעך אין שטוב. אונז פערזענליך איז נעלם געווארן א טייערן רינגל. כ'האב איבערגעדרייט די שטוב אבער אָן ערפאלג. בלית ברירה זענען מיר אהיימגעפארן אָן דעם רינגל. אנקומענדיג אהיים האבן מיר עס, פארשטייט זיך, געטראפן אינעווייניג אינעם רענצל...

הייליגער שבת, ווען דו גייסט ארויף מיט די ווינטן, גיב פאר'ן טאטן א גרוס פון זיינע קינדערלעך דא אונטן, זאג אים וואס טוט זיך אונטער'ן קלייד, ביי וויפיל דארף מען ווינטשן געזונטערהייט, כי זוכר כל הנשכחות אתה, ווייל דו ביסט דאך אונטער טאטע. ■